בחצרות
# סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר

בעזהשי"ת

יום ה' פ' שלח | י"ג סיון | תשע"א | פסחים: ס"ה.

## באריכט:

היינט אינדערפרי האט מרן רבינו שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור א', ווי דער רבי שליט"א האט געלייגט תפילין פאר הב' חתן הבר מצוה בן מוה"ר ישראל בנציון פערל הי"ו. פאר'ן דאווענען איז דער רבי שליט"א געווען אין ביהמ"ד אבני צדק ווי עס איז פארגעקומען דער ברית לבן הנולד לר' יוסף יושע זאבעל הי"ו.

אין די טעג ביז די רענאוואציע'ס פונעם נייעם "תנאים שטובל" בביתו נאוה קודש פון רבי'ן שליט"א אויף אוהעל קט. גייט אהן אין פולן שוואונג און וועט אי"ה פארענדיגט ווערן אין די נאהנטע טעג, וועט אי"ה דער רבי שליט"א אויפנעמען דעם ציבור - ביז מאנטאג בביתו נאוה קודש אויף צאנז קט. און נישט אויף אוהעל קט. ווי געווענליך.

### אנ"ש אין בני ברק פרייען זיך מיט שמחה בבית מנהל כולל עצי חיים וחבר הנהלת המוסדות הי"ו

אנשי שלומינו אין בני ברק האבן זיך נעכטן מיטגעפרייט מיט די שמחה פון הרה"ח מוה"ר יחזקאל ראטטער הי"ו חבר הנהלת מוסדותינו ומנהל כולל עצי חיים, מיט די חתונה פון זיין טאכטער שתחי' בשטומ"צ.

חברי קהלתינו הק' אין בני ברק זענען געקומען ארויסווייזן הכרת הטוב פאר'ן חשובן מחותן הי"ו וועלכער יום ולילה לא ישבות פון צו טוהן למען קהלתינו המפוארה ומסדותינו הק' אין בני ברק בכלל ובפרט.

אזוי אויך זענען געקומען צו פאהרן ספעציעלע געסט פון חוץ לארץ לכבוד די שמחה, ובתוכם טייל פון די חברי הנהלת מוסדות יטב לב וועלכע זענען געקומען ארויסווייזן הערצה פאר'ן חשוב'ן בעל שמחה וועלכער גיט זיך אזוי אוועק פאר קהלתינו ומוסדותינו הק' אין בני ברק.

### ניחום אבלים

ביי משפחת הרה"צ ר' אשר ישעי' כהנא ז"ל מ'ספינקא – קרית יואל זיצט מען שבעה ביז דינסטאג אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 59 בעיקערטאון יוניט 112 אין קרית יואל.

דער ברידער יבדלחט"א האדמו"ר מ'קארלסבורג שליט"א זיצט שבעה אין זיין שטוב אויף 609 בעדפארד עוו. אין וויליאמסבורג.

זיינע זוהן הר"ר הערשל, הר"ר יואל און הר"ר שלום משה וועלן זיצן מוצש"ק און זונטאג אין בארא פארק אויף 1365 52 סט.

ביי משפחת האשה החשובה מרת זיסל ע"ה בת יבלח"ט ר' יושע ארי' הי"ו, אשת מוה"ר ישראל ברוך בן מוה"ר יעקב שלמה גרינוואלד הי"ו זיצט מען שבעה ביז דינסטאג אינדערפרי.

מען זיצט שבעה אין איר שטוב אויף 12 קאזניץ דר. יוניט 101 אין קרית יואל.

***ובלע המות לנצח***
***-בשורות טובות-***

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויף ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.